## מענטשן, וואָס הונגערן

איז אַנדערש זייער אויג און אַנדערש זייער קול.
דער הימל איז אַ קאָפּ מיט אויסגעקראָכענע האָר.
די טעג שטייען ווייסע ווי בעטן אין שפּיטאָל.
דורך אַלע גאַסן פֿליסט דער ריח פֿון כלאָראָפֿאָרם.

איז אַנדערש זייער אויג און אַנדערש זייער קול,
און ברענען ווי אַ לאָמפּ מיט אַראָפּגעדרייטער קנויט.
טאָ פֿאַרוואָס איז זייער וואָרט אַן אויסגעשלייפֿטע אָל?
ווייל דאָך זענען זיי געזונט ווי וואַסער, ווי ברויט.

איז אַנדערש זייער אויג און אַנדערש זייער קול,
אַז זיי זאָגן ״מענטש״ — ווערט דער וועלט אַזוי באַנג
ווי מ׳וואָלט די גאָלדענע האָר פֿון דער זון אָפּגעשוירן.
און אַז זיי זאָגן ״צווייג״ — ווערן די וועלדער קראַנק
גלייך די פֿייגל האָבן די נאָטן פֿארלוירן.
און אַז זיי זאָגן ״היי״ — איז אַ שׂרפֿה אין דעם סטויג,
ווייל אַנדערש אַנדערש זייער קול, זייער אויג.

ווייל הונגעריקע קאָנען פֿעסט, האַרט זיין ווי ביין
און האָבן נישט רחמנות און דערציילן זיך אליין
אין טיפֿע נעכט א גרויזאַמע מעשה,
אז די שטערן אין הימל זענען קעפּעלעך ווייסע
פֿון אָנגעצויגענע געשווירן.

נעמען זיי אויף פֿאַרוואָרפֿענע וועגן שפּאַצירן
און זוכן א לאַנגן שפּיזל זאָל דעם הימל דערכאַפּן
און א שטאָך טאָן די בלאָטערס, עס זאָל אייטער זיך צאַפּן
און פֿארגיסן די וועלט.

---

פאָלקסצײַטונג (וואַרשע) 1938
13,

נומ. 121 אַפּריל 21 ז. 7